STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02284

DER GAYST FUNEM SHTUREM

Binem Heller

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בינם העלער

✶

דער גײַסט פֿונעם שטורעם

פֿאַר ד. טווימער פֿריסמאַן

מיט הײַזיקער גרוסן –

בינם העלער

אויגוסט 1992

בינם העלער

דער גײַסט פונעם שטורעם

לידער און פּאָעמעס

פֿאַרלאַג
י.ל. פּרץ
ישראל

תּל־אָביב 1992

BINEM HELLER

Der Gaist Funem Shturem

Poems

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון
„קרן תּל־אָביב לספרות ולאמנות
ע״ש יהושע רבינוביץ״ און פון
„בצלאל און סאָניע קאָסטנער־פאָנד
א״נ פון מלך ראַוויטש״ בײַם
י. ל. פּרץ־פאַרלאַג אין תּל־אָביב.

הילע — משה בערנשטיין

©

י. ל. פּרץ־פאַרלאַג
רחוב ברנר 14, תּל־אָביב

I. L. Peretz Publishing House
14, Brenner Str., Tel-Aviv, Israel

נדפס בישראל תשנ״ב
Printed in Israel 1992

סודר ונדפס בדפוס „שמגר 1986״ ת״א — טל. 82 87 04

אין איין אָטעם

*

כ׳הייב אָן פֿאַרשטיין
דעם ווידערווילן
צו געפּרעסטע קליידער
און שיינע רייד.
זיי היטן
פֿון אַן אומגעריכטן באַוועג,
פֿון אַ פּלוצעמדיקער פֿרייד.

איך טו אַ נדר
צו רעדן מיט איינציקע ווערטער.
זיי שוועבן אַליין.
נאָר אַ מאָל, אַ מאָל,
ווען זיי טרעפֿן זיך אין פֿלי,
ווערן זיי די שורות
וואָס גאָט האָט ליב
און אויך אַ מענטש קען זיי פֿאַרשטיין.

1987

אַליין מיט די גראָע האָר

אַליין מיט דיגראָע האָר.
יעדע מינוט וואָס איך שפּאָר
איז טײַער.
איצט ווייס איך:
די צײַט איז פײַער
צווישן ווען און ווען.
איך פלאַטער צווישןביידע און ברען.

וואָס האָב איך געוואָלט?
אַדורכגיין אין לעבן ווי אין טאַנץ?
די זון זאָל זײַן פון גאָלד
און יעדעס שטויבל אונטער מיר
זאָל בלײַבן גאַנץ?

וואָס האָב איך געמיינט? —
נאָך יעדן טראָט
וואָס איך האָב פאַרנומען
האָט עמעצער געוויינט.
ער האָט זיך נישט געוועדט.
און איך בין געגאַנגען ווי אַ גאָט —
אַ באַשאַפער פון אַן אייגענער ערד.

אַליין מיט די גראָע האָר
איך גיי צו דעם בית־דין של מעלה.
דער דוויער פונעם ליד איז אַ ווײַלע —
און אייביק ווי דודם געבעט.
און אָט איז דער דיוואַן אויף וועלכן איך טרעט
פון ליבשאַפט און ווייטיק פאַרבלענדט:
דאָס פײַער צווישן ווען און ווען.
איך פלאַטער צווישן ביידע און ברען.

איך ווער נישט פאַרברענט.

1987

אין איין אָטעם

דאָס לעצטע בוך
וועט זײַן דין ווי דאָס ערשטע,
דין ווי אַ העפט.
זיי בײדע
וועלן קענען דעם מהלך
און וויפל ער באַטרעפט.

און ענלעך וועט זײַן אויך
דאָס לעצטע וואָרט
צום ערשטן
אין דעם ציטער
פֿאַרן ריכטיקן אָרט.

און כאָטש צווישן בײדע
איז דער וועג
אָנגעוואָרפן מיט פּרטים —
איז אײנער זייער ריטעם.
און זאָגן מע דאַרף זיי
אין איין אָטעם.

1987

*

מײַן שורה ווערט ווידער
ווי דער יִינגלשער כליפּ,
ווען יעדעס וואָרט איז אַראָפּ
פון אַ באַליידיקטער ליפּ.

ווען כ׳בין אַליין
בענק איך נאָך די שטעט,
ווו כ׳האָב געלאָזן
דײַן חסד און חן.
נאָר דעם וואָלף ציט אין וואַלד,
און מיך —
צום דזשונגל פון דזשיקע־גאַס.

דו האָסט דאָרט באַגעגנט
אַ ווילדע געשטאַלט
מיט הונגעריקע אויגן?

בלויז דו ווייסט וויפל כ׳בין אַלט.

1987

דער איינציקער פּערז

צום טײַוול די אַלע אַמאָלן!
איך שײל זײ,
איך װאַרף זײ פֿון זיך,
איך שײל אױס פֿון אַלע די שאָלן
אַ פּערז — דעם באַהאַלטענעם קערן.

אַ האַרטער קערן.
קײן שום כּוח װעט אים נישט צעמאָלן.
פֿון אַלע יאָרן און שטײנער
װעט ער זיך באַפֿרײַען —
ער אײנער.

איך דאַרף בלױז דעם אײנציקן פּערז
װאָס זאָל װי אַ זיפּץ
אַדורך
דעם גאַנצן אוניװערס.

1987

ווינטערדיקע סופן

כ׳בין פֿאַרנומען מיט ווינטערדיקע סופן,
מיט טרויעריקע סופן.
פֿון פֿנימער איז אָפּגעקראַצט די ליבשאַפֿט
און ס׳יאָגט פֿון דאָרט די פֿרעמד.
אויף וואָס האָב איך צו האָפֿן?

מײַן חלום בלויז איז נאָך אַ דרייסטער,
אַ נאָענטער צום אמת,
דעם אײַנגעוויקלטן אין שלײַערן.

און דאָס וואָס כ׳האָב צו זאָגן,
איז ערב דעם געבוירן פֿונעם וואָרט.

דאָס וויכטיקסטע וואָס כ׳האָב צו זאָגן,
האָט נישט קיין קול און נישט קיין אָרט.

1987

*

ווען כ׳טו זיך אוים,
ווער איך קליין.
איך פֿאַרשווינד
ביז דעם געוויין
פֿון אַ נאַקעטן קינד.

איך האָב דעם יאָרהונדערט פֿאַרשווענדט.

— וואָס געדענקט נאָך מײַן טראָט ?
אַ שטאָט אין צעבראָכענעם גלאָז,
אַ תּפֿילה וואָס האָט נישט קיין גאָט,
אַ היימלאָזע נאַכט אויפֿן גראָז.

כ׳בין מיד שוין פֿון גיין אויף דער ערד.

און איבער דעם ים
קוקט רויט שוין אַרוים
דאָס אויג פֿון פֿאַרגייייִקן טאָג.

1987

דער גײַסט פֿונעם שטורעם

אַז גאָט וועט געבן מיר פליגל

אַז גאָט וועט געבן מיר פליגל,
וועל איך ווערן אַ פויגל פון וואַנדער,
און אומעטום קומען צום זומער,
און שטענדיק אַנטלויפן פון ווינטער.

און נעסטיקן וועל איך אין הייכן —
מיך זאָל נישט דערגרייכן
דער בלאָנדער מלאך
מיט זײַן ביקס-און-שרויט.

ער זאָל מיך נישט זען אין מײַן פלי,
ער זאָל מיך נישט זען אין מײַן טויט.

דערווײַל
איז מײַן גוף נישט באַפליגלט.
איך גיי איבער לענדער און שנייען
צו מײַנע געציילטע פיר איילן,
און נאָך מיר —
דער בלאָנדער מלאך
מיט זײַן ביקס-און-שרויט.

ער וויל מיך זען אין מײַן טויט.

1988

לאָז מיך איבער אַליין

לאָז מיך איבער אַליין.

די אַמאָליקע ווייכע ווערטער
זענען געוואָרן שטעכיק און ביטער,
איבערגעוואַקסן.

לאָז מיך איבער אַליין
אויף אַ טאָג מיט אַ נאַכט,
לאָז מיך איבער אַליין מיטן שטורעם.
ער שפּאַרט אויף דער טיר
פֿון אינעווייניק.
ווען ער וועט זי אויפֿרײַסן,
וועל איך עפּעס באַווײַזן,
עפּעס
וואָס איך מאַך
פֿון ערשטע ווערטער.
איך געדענק זיי
בעסער פֿון מײַן אָטעם,
בעסער פֿון יעדן צוזאָג.

לאָז מיך איבער אַליין.

1988

אַראָפּ איז לײַכטער

אַראָפּ איז לײַכטער.
איבער שמאָלע שורות
גיי איך צו דעם לעצטן טרעפּל.

און דאָרט
פֿאַרהאַלט מיך אַ חלום
מיטן ריח פֿון אַן עפּל.

ער קאָלערט זיך
אַראָפּ די שטיגן.
איך האָב ערשט
מיט די מילכציין
אין אים זיך אײַנגעביסן,
און ער איז פֿון דעם קויש
געוואָרן שיכּור.

דער רויטער עפּל
טאַנצט
אַראָפּ די שטיגן.

בײַם לעצטן טרעפּל בלײַבט ער ליגן.

1988

אַמאָליקע לידער

געטאַקטע שורות מיט פּינקטלעכע גראַמען,
צעבראָכענע
ווי די שפּליטערס
פון מײַן טאַטנס מצבה
אויפן פּראַגער בית־עולם —
ווער וועט זיי באַהעפטן?

אַמאָליקע לידער.

זיי טויגן שוין מער נישט צום זינגען,
זיי טויגן שוין אויך נישט צום זאָגן,
צום הערן,
זיי זענען אַליין זיך דערווידער.

אַמאָליקע לידער.

אַ בלאָנדער באַפעלער
פאַרטריבן האָט זיי אין דעם וואַרשעווער קעלער
און קיינער קען זיי נישט דערהערן.
דאָרט ליגן פאַרגעלט און פאַרוויאַנעט
די לידער פון לערער, פון קירמאַן, פון שטערן.
זיי שורשען זיך איבער
מיט שיימעס פון חומש און סידור.

אַמאָליקע לידער.

דער גייסט פונעם שטורעם,
אַדורך וועט אין לעצטן געוויטער,
און ער וועט פאַר אַלעם באַצאָלן,
און ער וועט באַהעפטן שפּליטער מיט שפּליטער
און אויפשטעלן אַלע אַמאָלן.

אַמאָליקע לידער.

1988

דער פרילינג נעמט אָן די קאָלירן

איך צי אוים די טעג.
פֿאַר נאַכט צינד איך נישט אָן דאָס ליכט.

דער פרילינג נעמט אָן די קאָלירן.
זיי שפּאַרן אַרוים פון דער ערד.
מײַן בלוט וועט זיי דערשפּירן,
ווערן רויט און געדיכט.

זע :
די שקיעה ווערט פאַרוואַנדלט אין ליכט
און די קורצע נאַכט —
אָנגעזועצט מיט שטערן.

ווי קען איך קעגן זיי זיך ווערן ?

1988

*

ווי דער הונט מיטן ביין
אַנטלויף איך
מיט מײַן ליד
פון פרעמדע אויגן.

מײַן גוטער שכן
היילט זײַן טרויער
מיט מוזיק.
ער מוז זי לאָזן הערן
ביז מײַנע שויבן ווערן צעבראָכן.

און איך
ווי דער הונט מיטן ביין
אַנטלויף מיטן ליד אַליין
צו אַ שטילקייט
וואָס אויך די מוזיק וויל צעשטערן.

1988

חלום אין חלום

װערטער, װערטער

דער גלױבן האָט נישט גוט געמאַכט די װערטער.
ער איז געבליבן װי אַ שיכט פֿון אױבן,
אַ האָפֿענונג אױף שפּעטער,
דער גלױבן,
און אונטער אים —
װערטער, װערטער.

פֿון אַלע יאָרן און פֿון אַלע ערטער
זײ קומען אָן איצט מיך באַפֿאַלן.
דאָס זענען נישט פֿון דזשיקע־גאַס די שטײנער?

און איך בין אײנער.

בריסל, מײַ 87

✶

דעם עיקר האָב איך פֿאַרשריבן.

איך האָב נישט געטרויט דעם זכּרון,
נישט פֿאַרלאָזט זיך אויף פֿרײַנד.
פֿאַרקריצט און פֿאַרטיפֿט זענען די שרעקן —
נישט אָפּצומעקן.

אַ מנין
וועט לייענען די שריפֿט,
אַ מיליאָן
וועט זי אַנטפּלעקן.
אין איר,
אין דער שפּראַך פֿון יסורים,
קען מען פֿאַרשטיין
דעם עיקר.

דעם עיקר האָב איך פֿאַרשריבן.

אַפּריל 88

חלום אין חלום

מײַן חלום איז שטום
און האָט נישט קײן קאָלירן.
זײַן שנעלקײט —
װי פֿון טשאַפּלינס אַ בילד,
נאָר לײַכטער צום פֿאַרגעסן.
עס טרעפֿט:
איך װיקל אים צוריק,
עפּעס װיל איך קאָנטראָלירן —
און כ׳בלײַב פֿאַרפּלאָנטערט
אין שװאַרץ־און־װײַס,
און כ׳הײב אָן גלײבן
אַז איך חלום אין חלום
די צװײטע װאָר —
אַ שטומע, אָן קאָלירן.

דאָס איז
די קאַרגע מתּנה פֿון גאָט:
דאָס פֿאַרגיטיקן פֿאַר שטאַרבן,
דער װוּנק פֿאַרן ליד.

תּל־אָביב, אַפּריל 88

אַ פרילינג־רעגן אין פּאַריז

אַ פרילינג־רעגן אין דער אַלטער וועלט.
איך גיי אַרום מיט פרעגנדיקע אויגן.
איצט איז די צײַט,
איך זאָל דערוויסן זיך בײַ בלומען
די ריחות און קאָלירן
פון פרילינג־רעגן.

— אַ גראָער וואָלקן.
אַ שטראָם האָט אין זײַן בליץ זיך אָנגעצונדן.
די סען האָט אויף אַ רגע זיך פאַרכליניעט.
די ערד האָט די קאָלוזשעס דורכגעלײַטערט.
די וואָרצלען האָבן די קאָלירן אײַנגעזויגן.

— גאָט, גאָט, גיב אַ רעגן !
נאָך אַ פרילינג, נאָך אַ רעגן !
לאָז מיך אָבער־ווידער פרעגן :
וויפל פאַרבן האָט דער רעגן ?
אַלע זיבן פון דעם בויגן ?
פון די פרעגנדיקע אויגן ?

מײַ 87

די וואַסער־פֿייגל קומען אין לאַנד

די וואַסער־פֿייגל קומען אין לאַנד
און לאָזן זיך אַראָפּ אויף פֿולע טײַכן.
זיי פֿאַנגען דאָרט די פֿלינקע פֿיש
און טרינקען זייער בלוט.

די וואַסער־פֿייגל רעדן הייזעריק און בייז,
נאָר ווען זיי פֿליִען —
די קעפּ געשטרעקט פֿאָרויס
און פֿליגל בײַ פֿליגל —
סטײַעט פֿאַר יעדן פֿון זיי הימל און רוים
גענוג פֿאַר פֿאַרנעם פֿונעם פֿלי,
גענוג פֿאַרן ריטעם פֿון צוזאַמען.

1989

רעגן־טראָפּנס אויף די שויבן

רעגן־טראָפּנס אויף די שויבן,
פּולע מיט ליכט.
פֿון יעדן איינעם
קען מען באַשאַפֿן אַ וועלט.
אויך איך וועל פּרוּוון.
דאָס וועט מיר געלינגען
אויב אַלע ווערטער וועלן פּאַלגן —
אויב אַלע ווערטער וועלן זינגען.

1989

✶

מײַן פֿרייד
איז פּונקט אַזאַ
ווי בײַם דערפֿינדער —
און נאָך דעם לעצטן וואָרט
איז אויך מײַן אויסגעשריי:
— ליכט!

און באַלד
זוך איך ווידער
ווי אַ בלינדער
די רגע
וואָס קומט שטענדיק אומגעריכט
ווען די שורה
גאַנץ ווערט ווי אַ זאָג —
און אויך בײַ מיר
ווערט טויזנט יאָר אַ טאָג.

1989

מײַן יורש אין פֿרעמדן יאָרטויזנט

מײַן יורש אין פֿרעמדן יאָרטויזנט
וועט זוכן העברעיִשע ווערטער
אין מײַנע פֿאַרגעסענע לידער.

מײַן יורש אין דריטן יאָרטויזנט
וועט זוכן זײַן יִחוס
אין שוואַרצע אַלטמאָדישע בילדער.

צי וועט ער געפֿינען אין שפּיגל
אַ שטריך פֿון מײַן פּנים?

איך פּרוּװ אים דערגרייכן
דורך ערב־פֿאַרשטענדלעכע שורות.
איך שיק אים די ייִדישע ווערטער —
סימנים געהיימע,

געשרייען פֿון רעטונג און אֵימה.

1990

*

די גוטע חברים —
נאָך אַ סך פֿון זיי
הענגען שוין נעמען אויף די גאַסן.
אַ מאָל
האָב איך צווישן זיי זיך געהיצט,
געשריגן —
יעדער האָט פֿאַרטיידיקט זײַן ליגן.
איצט רעד איך שוין רויִק,
געלאַסן.
איך האָב נישט וועמען איבערצושפּאַרן.
איך ווייס,
אַז דער אמת און ליגן
האָבן ביידע די זעלביקע וועגן:
ביידע זענען פֿול
מיט צװאָגן און געפּאַרן.

ביידע האָבן מיך אויפֿגעהערט צו אַרן.

1990

*

דעם משל בלויז האָב איך דערציילט,
דעם נמשל — געלאָזן פֿאַר זיך.
דער משל איז גוט פֿאַר אַ סך,
דער נמשל — פֿאַר מיר אַליין.

די פּשוטע ווערטער —
ווי אַזוי איך שטעל זיי,
די פּשוטע ווערטער,
פֿון לעבן און שטאַרבן,
פֿאַר אַלע ניואַנסן
פֿון לאַכן און וויינען.

די פּשוטע ווערטער,
די אַלטע, אַזוי פֿיל גענוצטע,
אויף אַלע כּוונות און מיינען.

1990

*

אויב עמעצער וועט מײַנע לידער נישט פֿאַרשטיין,
און זיך נישט שעמען,
און מיך איבערפֿרעגן,
וואָס זאָל איך אים זאָגן?

אַז יעדער ענטפֿער
האָט טויזנט וועגן
און אַלע ווײַכקייטן פֿון געוויין?

וואָס וועט ער פֿון מײַן ענטפֿער פֿאַרשטיין?

פֿאַרן ריכטיקן ענטפֿער
וועט מען דאַרפֿן אויסגראָבן מײַן געביין.

1990

די רימענס פֿון מישפּט

די רימענס פֿון מישפּט
זענען טיף פֿאַרשניטן
אין לײַב־און־לעבן,
נאָר דער חשבון —
וויפֿל כ'זאָל אים נישט פֿאַרקלעמען
אין קוואַדראַטן פֿונעם יאָר —
איז ער נאָך אַלץ נישט קלאָר:
פֿאַרפּלאָנטערטע שעהען,
פּוסטע וואָכן,
ליידיקע רובריקן

און לעכער וואָס דאַרפֿן אַ תּיקון.

ביז וואַנען איך וועל דאָס פֿאַרריכטן
וועט דער מישפּט זיך ציִען,
און איך וועל וואַרטן, וואַרטן,
אויפֿן גערעכטן אומגעריכטן.

1990

*

אין יענער רגע
ווען מײַן רעיון ווערט אויסגעשפּיצט
ביז ערבֿ־נישט
און דרינגט אַרײַן
אין טיפסטער ווײַט —
דערפיל איך
אַ ווייטיק אין מײַן לײַב —
דעם זעלבן
וואָס איך פיל
ווען אַ בין
שטעכט אַרײַן אין מיר דעם גיפט.

דאָס איז
דער ביטערער טעם פון אַלצוויסן.
דער ווייטיק פון ערבֿ־נישט.

דאָס איז אַלץ.
און דאָס לעבן איז נישט מער
ווי נאָך נישט.

1990

אַ וועלט מיט דערזעענע זאַכן

גערדאַרפֿט האָב איך ווערן געבוירן
מיט בלאָע אויגן,
מיט בלאָנדע האָר —
האָט דאָס העלע פֿאַרמעגן פֿון פּאָעט
צוגענומען מײַן ברודער.

און איך
מיט די טונקעלע אַפּלען
האָב דורכגעשפּיזט הימל און ערד,
געזוכט דאָרט מײַן לעצטן באַשייד,
און יעדער וואָס זעט מיך,
נעמט אָן מיך פֿאַר אַן אַנדערן פֿויגל.

מײַנע טונקעלע אויגן
ווערן עלטער און קלענער,
נאָר זיי נעמען נאָך אַרײַן
דאָס ליכט
וויפֿל ס'איז נייטיק
צו מאַכן די בלומען נאָך שענער,
צו זען די פֿאַרבן פֿון פֿאַרנאַכט.

מײַנע טונקעלע אויגן ווערן קלענער.
ווען כ'וועל זיי אין גאַנצן פֿאַרמאַכן,
וועט ווערן חרוב אַ וועלט
מיט דערזעענע זאַכן.

1990

צווישן יונגע

כ׳בין געווען צווישן יונגע.
צו ווייניק האָבן מיר פאַרמאָגט,
נאָר גרויס איז געווען די פרייד פון זיך טיילן:
מיט ברויט, מיט ליבע, מיט האַס.
און נישט אַלץ איז געווען צום דערציילן.

מיט אָפּגעהאַקטע רייד
מיר האָבן זיך סודות פאַרטרויט.
די לידער
אין ביכער מיט געציילטע בלעטלעך
האָבן געגליט
געהיים און געטלעך.

כ׳בין געווען צווישן יונגע.

1990

מײַן װײַליקײט

מײַן װײַליקײט איז טײַער —
טײַערער פֿון דײַן אײביקײט.
זי איז אױסגעװײטיקט,
אױסגעליבט
דורך מיליאָנען יאָרן.

איך בין מער אײנציק:
אין יעדן דור
לעב איך איבער
די שרעק פֿון פֿאַרשװינדן.

מײַן װײַליקײט איז טײַער:
די העכסטע מדרגה פֿון פֿײַער.

1990

די בלעטער וועלקן נישט

✶

אין יעדן לאַנד
איז מײַן ערשטע באַקאַנטשאַפֿט
געווען מיטן ווינט.

וויפֿל איז מיר געבליבן צו גיין,
און וווּהין?
וויפֿל מאָל וועל איך נאָך זען
ווי די ערד ווערט געל און גרין?

1990

פֿאַר נאַכט

די פֿרײַנד זענען נישטאָ —
און וווּ איז מײַן ליבשאַפט צו זיי?
זי בלאָנדזשעט ווי אַ ווײַטער וואָלקן
אויף אַ פרעמדן פֿרילינגדיקן הימל.

איך קען מער נישט בלענדן די אויגן
מיט אויסגעזוכטע גראַמען.
איך גיי אַרײַן אין פֿאַרנאַכט,
די שאָטנס קײַען דאָרט שטילקייט:
זיי ווילן זיך דערמאָנען
אַן אָנהייב, אַ ניגון.

פֿאַר נאַכט.
די זיכערקייט פֿאַרשווינדט
אין אַ זאַמדיקער ווייכקייט.

1991

✶

צי איז געבליבן צײַט געגוג,
אַז איך זאָל פֿאַרריכטן?
איך דאַרף אַ נײַע יוגנט,
אַ נײַע שפּראַך,
און מוט
אויף ס'נײַ זיך צו באַגעגענען
מיטן אומגעריכטן.

צי בין איך ראָוי אַז איך זאָל פֿאַרריכטן?

איך דאַרף אויף ס'נײַ
צום וואַקסן ווערן אויפֿגעהויבן —
איך דאַרף די גלײַכע, פּעסטע קלעפּ
פֿון ריטעם, פֿון האַרץ און פֿון גלויבן.

1991

נאַקעטע טאָפּאָלן

אַ סך זאַכן לייג איך אָפּ אויף שפּעטער
מיט פּוילע תּירוצים
פֿון ווינט און פֿון וועטער.
און איצט איז האַרבסט.
איך האָב זיך צוגעפּאַסט
צו דער לאַנדשאַפֿט פֿון געלע בלעטער.

די פֿאַרוועלקטע טאָפּאָלן,
די לעצטע חברים —
בײַ זיי זאָל איך פֿרעגן:
— ווי לאַנג וועט זײַן דער שפּעטער?
צי ביז דעם לעצטן רעגן?

די נאַקעטע טאָפּאָלן,
די אָנגעשוואָלענע פֿון רעגן,
ווייזן שוין דעם ענטפֿער
פֿון די שפּראָצן אין מאַרץ:

— ווי לאַנג וועט נאָך קלאַפּן מײַן האַרץ?

1991

*

פאַרגאַנגענהייט !
דו ביסט נאָך אַלץ אין גאַנצן מײַנע
און וואָס איך וויל
איך קען מיט דיר נאָך מאַכן.
נישט אָפּגעמעקט איז דאָרט
דאָס וויינען און דאָס לאַכן,
און אין זכּרון —
פון ערשטן ליד קיין וואָרט.

1991

*

די לידער האָבן אַן אײַזערנעם זכּרון:
זײ װײסן װאָס פֿון לעבן אָפּצושפּאָרן,
זײ װײסן װאָס מע דאַרף געדענקען —
און װאָס מע מוז מיט װײטיק איבערקרענקען.

יעדער טאָג נאַרט אָפּ,
און פֿאַרגלעט,
און װײסט נישט פֿון קײן זעט,
און איבער נאַכט דעם נעכטן ער פֿאַרגעסט,
און אױסגעלאָסן איז זײַן קורצער ניגון —
נאָר אײביק װי אַ געטלעך פֿאַרגעניגן.

1991

די בלעטער וועלקן נישט

די בלעטער וועלקן נישט —
זיי זשאַווערן.
דער ווינט האָט נישט מיט וועמען זיך צו חברן.
ער גייט אויס
און חלשט אין די אָרעמס פון חמסין.

די מועדזינען זינגען נישט —
זיי שעלטן.
נביאים אין געצעלטן
שאַרפן מעסערס און שטיינער:
אַללאַ איז איינער!

און קיינער וועט די שוואַרצע שעפּסן נישט שערן.
זיי וועלן וואַנדערן אין מידבר און זיך מערן.

1991

✶

די פֿרײַנד פֿאַרלאָזן מיך.
זיי מיינען,
אַז כ'האָב נישט וואָס צו געבן.

זיי קענען נישט מײַן פֿאַרמעגן.
זיי ווייסן נישט,
אַז מײַנער איז דער אָוונט מיט די שטערן,
דער פֿרימאָרגן מיטן רעגן.

זיי קענען נישט מײַן פֿאַרמעגן,
און זיי דאַרפֿן נישט ווייסן.
און איך דאַרף די טיר נישט פֿאַרשליסן.

1991

אין לעצטן גילגול

אויף העכסטע הייכן און אויף לעצטע שטאַפּלען
מיך שיכּורט נאָך דער ריח פון דער ערד.
דער אוצר ליכט אין מײַנע אויגן־אַפּלען
איז ביזן סאַמע סוף נאָך נישט פאַרצערט.

ווי לאַנג, אויף וויפל צײַט, וועט ער מיר סטײַען?
ווי לאַנג וועט ער באַלעבן יעדע פאַרב?
ווי לאַנג וועט זיך די אַלטע זון באַנײַען
אין גרויזאַמען געזעץ פון לעב־און־שטאַרב?

דערווייל בין איך צופרידן פון דער פאָרעם,
וואָס האָט אין לעצטן גילגול מיך באַקליידט:
איך האָב געוואַנדערט דורך מיליאָנען קברים —
און אָפּגעפונען זיך אין מײַנע רייד.

1989

איך מעג שוין אַלץ

די גראָקייט איז איצט גוט צו מײַן געמיט,
און צווישן וואָרט און וואָרט זי לייגט זיך מילדער.
זי ווערט דער שטח פֿאַר מײַן נײַעם ליד,
דער פֿאָן פֿון שטילקייט פֿאַר די בילדער.

איך מעג שוין אַלץ. מיך דראָט שוין נישט קיין חטא.
די צײַט מאַכט יעדן יונגן נדר מתּיר.
אַפֿילו פֿאַרן ווערן איז שוין שפּעט
ווען שאַרפֿע פֿאַרבן ווערן מאַטער.

1989

*

פּאַפּיר און טינט —
ביידע זענען געפּערלעך.
אַ מאָל האָב איך געגרייט מיט זיי
דעם אויפֿרײַם
פֿון צאָרן און פֿרייד.
דערנאָך
בין איך פֿון דעם פּלאַם
געוואָרן בלינד.

פּאַפּיר און טינט.

1988

ערב געשלעג

כּדי די גראַמען זאָלן נישט פֿאַרוויגן,
כּדי די ריטמען זאָלן נישט פֿאַרפּירן,
האָב איך זיי פֿון געהער פֿאַרטריבן
און כ׳בין אַוועק אויף די געמערק,
וווּ מענטשן רעדן הויך
און שאַרפֿן ווערטער
אין ערב געשלעג.

אַלערליי קלאַנגען אין זעלביקן זאַץ,
און יעדער איינער — פֿאַר זיך אַליין.

געשיצט און געפּאַנצערט —
מיט שפּיצן צום דרויסן געווענדט.

נישט קיין פּונקט, נישט קיין קאָמע,
נישט קיין פּויזע, נישט קיין אויסרוף,
נישט קיין פּיסלעך, נישט קיין קלאַמער.

יעדעס וואָרט באַזונדער, פֿאַר זיך —
ערב געשלעג.

1991

אַלץ וועט פֿאַרבלײַבן

אַלץ וואָס ווערט פֿאַרשריבן
איז אייביק,
נישט אויסצומעקן.
די אותיות מאַכן באַגלייביק,
אַפֿילו די גרײַזן און פֿלעקן —
אַלץ וועט פֿאַרבלײַבן.

ווער האָט מיך געצוווּנגען
דאָס אַלץ צו פֿאַרשרײַבן?

דער טרויער וואָס האָט זיך געזונגען,
די פֿאַרבן פֿון הימלען און שפּראַכן,
דער אויסמיש פֿון וויינען און לאַכן,
די אותיות וואָס מאַכן באַגלייביק.

אַלץ איז פֿאַרשריבן אויף אייביק.

1991

די שנעלרעדערס

די לײַט
וואָס רעדן שנעל־שנעל
קענען באַווײַזן
אַלץ צו זאָגן
צוזאַמען מיט די גרײַזן.

און איך
געהער צו יענעם דור
וואָס דאַרף אַ בלויז פֿון טראַכטן
צווישן אײן וואָרט און דעם צווייטן —
אַז דאָס געזאָגטע
זאָל אָננעמען די וואָג,
דעם ווערט צו בלײַבן.

1989

דאָס בלאָע העמדל

— דאָס בלאָע העמדל
וואָס דו האָסט מיר געקויפט
האָב איך נאָך נישט אָנגעטאָן.
אפשר דערפאַר
ווײַל איך וויל נישט
אַז דו זאָלסט מיך דערמאָנען:
„דו האָסט מיר צוגעזאָגט אַ יום־טוב
אַ טאָג אַ שיינעם.
מיר וועלן אַנטלויפן
אין צווייען — אין איינעם
צו פרעמדע שטעט,
צו אונטערערדישע באַנען
מיט אומבאַקאַנטע פּאַסאַזשירן —
פאַרגעסענע פון וווהין און פון וואַנען".

— ווו איז יום־טוב?
אין פרעמדע שטעט,
אויף מאַרמל־מצבות,
פאַרשריבן זענען
די נעמען און די שבחים
פון מײַנע חברים.

„טאָ ווען איז יום־טוב?"

— מײַן טײַערע,
װען איך װעל אָנטאָן
דאָס בלאָע העמדל —
װי כ׳האָב דיר פֿאַרשפּראָכן.

דערװײַל איז אײַנדערװאָכן.

1991

דער ריח פֿון די שטויבן

אין מײַן צימער
וועט יעדעס שטויבל מיך געדענקען.
אַ יונגע פֿרוי
וועט רייניקן און רוימען
און יאָגן זיך נאָך מײַנע יאָרן,
און אַז זי וועט זיי גרייכן —
וועט אַלץ נאָך בלײַבן פֿון מײַן צײַט אַ צייכן.

דער ריח פֿון די שטויבן
איז חל אויך אויף די לידער און די לויבן.
אומזיסט פּרוּווט אים די יונגע פֿרוי פֿאַריאָגן.
ער שפּאַרט פֿון יעדן וואָרט וואָס איך וועל זאָגן.

1990

ערב און אייביק

קיינעם איז נישט צוגעזאָגט דאָס אייביקע לעבן.
לידער מײַנע!
איך גלייב נאָך
אַז מיט אײַך
וועט קומען
די רגע
די איינציקע
פון ערב און אייביק.

אַלע מײַנע האַרצקלעפּ זינגען.
בלויז איין טראָפּן אין בלוט
לאַכט און כליפּעט:
דער ציטער
די רגע
פון ערב און אייביק.

1991

צוויי פּאָעמעס

איך האָב געהאַלטן פאַר געוווּנטשן אַרײַנצוגעבן אין דעם בוך די צוויי פּאָעמעס וואַרשע 1939 און דײַן ביאָגראַפיע, אָנגעשריבענע אין ראַטן־פאַרבאַנד אין די יאָרן 1940 און 1943. אַ לאַנגע צײַט זענען די פּאָעמעס נישט געדרוקט געווען און זיי זענען די לייענערס נישט באַקאַנט.

ב. ה.

וואַרשע 1939

וואַרשע 1939

1

אַזוי זעט דאָ אויס אַ פֿאַרנאַכט
ווען שלום איז נאָך אויף דער ערד:
די רו ווערט פֿון שאָטנס פֿאַרטראַכט,
פֿון שטערן אין הימל געהערט.

דער ווינט בלאָזט פֿאַרלוירן און קיל
און בלאָנדזשעט אין פֿענצטער אַרום.
נאָר ס'ענטפֿערט נישט קיינער, ס'איז שטיל,
דער גלאַנץ אויף די שויבן איז שטום.

די טויב גייט אַרײַן אין קאַרניז,
די פֿליגל צום שלאָף לייגט זי אײַן,
היפּט־איבער די רויטלעכע פֿיס
און גייט אין איר חלום אַרײַן.

אַזוי זעט דאָ אויס אַ פֿאַרנאַכט,
ווען שלום איז נאָך אויף דער ערד. — — —
נאָר ס'ווערט שוין פֿון שטילן פֿאַרדאַכט
די רו פֿון די שטערן געשטערט.

2

עס האָט נאָך קיינער נישט פּרובירט צעשיסן
דעם הימל — זע, ווי בלאָ ער איז, ווי ווײַט.
נאָר ווי די שטילקייט עמעץ וואָלט צעריסן —
דער זומער איז געשטאָרבן פֿאַר דער צײַט.

ווער האָט די שטאָט אין אײַלעניש פֿאַרפּלאָנטערט?
ווער האָט די רויִקייט אין איר פֿאַרלענדט?
מײַן קינדהייט וואָלט אַזאַ זי נישט דערמאָנט זיך,
מײַן יוגנט וואָלט אַזאַ זי נישט דערקענט.

די טירן שטייען הפקרע, צעפּראַלטע,
און איבער שטיגן כליאַפּעט אַ געוויין.
מע פּרוּווט די נאָענטע מיט רייד פֿאַרהאַלטן
און מיט געשרייען שטערן זיי אין גיין.

אומזיסט! זיי קענען לענגער דאָ נישט בלײַבן.
מיט פֿײַער איז געצייכנט זייער וועג.
באַלד וועט מען זיי אויף ווײַטע רעלסן טרײַבן
און וואַרפֿן אין אַ בלוטיקן געשלעג.

אָט שרײַט מען אויס די לעצטע טעלעגראַמע
און מיט בהלה נעמט זי אײַן דעם רוים,
ווי ערגעץ וואָלטן שוין די ווײַטע פֿלאַמען
דעם האָריזאָנט מיט גלי אַרומגעזוימט.

אָ ניין! דעם טאָג איז נאָך באַשערט אַ שקיעה,
די זון וועט הײַנט ווי אַלע מאָל פֿאַרגיין,
די שוואַלבן וועלן פּונקט ווי שטענדיק פֿליִען,
נאָר לענגער וועט דער אָוונט בלײַבן שטיין.

די שטאָט וועט הײַנט אין ליכט זיך נישט צעצינדן,
די שויבן וועלן פֿינצטערן פֿאַרדעקט,
און ס'וועלן שרײַען זייגנדיקע קינדער
אין אַנונג פֿאַר דער קומענדיקער שרעק.

3

געצונדן איז דאָס לאַנד אין אַלע עקן,
און האַרדעסוואַניז דער שׂונא פֿלייצט געדיכט,
נאָר דו, מײַן מאַמע, פּרוּווסט נאָך אַלץ פֿאַרדעקן
דאָס בלייכע פּנים פֿאַר די שבת־ליכט.

פֿאַר וועמען, מאַמע, קומסטו ווידער בעטן?
פֿאַר וועמען, מאַמע, שטרעקסטו דײַנע הענט?
צי ווילסטו איצט דעם פֿלאַמענדיקן שטח
באַהאַלטן צווישן דײַנע שטילע ווענט?

דו פּרוּווסט אויף ס'נײַ זיך שטילערהייט פֿאַרבינדן
מיט יענעם ווײַטן, אויסגעטרוימטן לאַנד,
און בײַ די ליכט וואָס דו האָסט אָנגעצונדן,
דערזעען די קינדער אויפֿן ווײַטן ראַנד.

ניין, דײַנע הענט, זיי וועלן נישט פֿאַרלאַטען
דעם תּהום וואָס ליגט איצט צווישן דיר און זיי.
דײַן טיכל, ווי אַ ווייסע טויב וואָס פֿלאַטערט,
דערגרייכט זיי קוים — אַריבער ווינד און ווײ.

צי הערסטו נישט, ווי טעלעגראַפֿן־דראָטן
פֿליִען פֿון די סלופּעס מיט געזשום?
צי זעסטו נישט, ווי ס'ווערט דער וועג פֿאַרשאָטן,
אַז הימלען וואַרפֿן פֿונקען דיר אַרום?

די ערד ווערט איצט דורך טאַנקען אײַנגעבראָכן.
מיט דײַנע שבת־ליכט דו בלײַבסט אַליין.
און אין געשריי פֿון טויט און פֿון נצחון,
אַ בעטנדיקע — ווער וועט דיך פֿאַרשטיין?

דײַן שטוב איז איצט אַ שווימענדיקע קריִע,
און דו אויף איר — אומזיסט שטרעקסטו די הענט,
אַז אַלע ברעגן דיר אַרום איצט גליִען.
פֿאַר דײַנע אויגן ווערט די ערד פֿאַרברענט.

זע, דו אַליין — פֿאַר גוטע פֿרומע שטערן
האָסטו דאָס פֿענצטער מיט פּאַפּיר פֿאַרשטעלט.
ווי שׂונאים, טרויסטו זיי נישט אָן די טרערן,
וואָס האָבן זיך בײַ שבת־ליכט צעהעלט...

4
געקומען איז רויִשיק דער דײַטשישער פּלאַט
פֿאַרשיטן מיט שוועבל, פֿאַרניכטן אַ שטאָט.

דער הימל איז לויטער פֿון ראַנד ביז צו ראַנד,
און פֿרײַ, נישט באַשיצט, ליגט דאָס פּוילישע לאַנד.

דער רוים איז אַ ריינער, פֿאַררעטעריש בלאָ —
קיין כמאַרע, קיין רעגן, קיין אָפּהאַלט נישטאָ.

און פֿול ווערט די לופֿט מיט סירענע־געקלאָג:
— אַנטלויפֿט און באַהאַלט זיך פֿון ליכטיקן טאָג!

מע טראַסקעט די פֿענצטער, מע לויפֿט פֿון די טרעפּ,
פֿאַרפּלאָנטערטע פֿיס און צעשויבערטע קעפּ.

אַ טויער פֿאַרקלאַפּט זיך אויף ריגל און שלאָס —
דער ציטער גייט דורך אויף די ווענט, אויפֿן גלאָז.

דער מויער ווערט לײַכט און פֿאַרלירט פֿון זײַן וואָג,
פֿאַרפּראָפּט מיט געשרייען וויגט אום זיך אַ שטאָק.

און פּלוצעם — די לופֿט טוט אַ קנייטש זיך, אַ זעץ,
און ס׳וואַרפֿט זיך די זון אין אַ רויכיקער נעץ.

זי שטיקט זיך אַ רויטע אין טונקעלן קנויל
און ווערט אין די פֿלאַמען פֿאַרברענט און פֿאַרקוילט.

5

ווי שווער איז האַלטן אָפֿן איצט די אויגן
אַנטקעגן גלי פֿון העל־צעפֿלאַמטן שײַטער.
די עראָפּלאַנען זענען אָפּגעפֿלויגן,
נאָר ס׳גייט די שׂרפֿה ווײַטער אַלץ און ווײַטער.

עס דאַרף אַוודאי זײַן שוין אָוונט איצטער,
נאָר ווער וועט ווי אַ שטערן כאָטש דערבליקן?
די פֿונקען פֿליִען־אויף אין אויפֿרײַס־בליצן,
דער רויך וועט אַלע שטערן הײַנט דערשטיקן.

פֿון דאַך צו דאַך שפּרינגט איבער שנעל דאָס פֿײַער,
הייבט אויף די פֿאָן פֿון רויך און פֿון בהלה.
די פֿענצטער רײַסן אויף זיך מיט געשרייען
און ברעכן אוים אין דרויסן מיט יללות.

אַ גאַס וויל ראַטעווען זיך צו אַ צווייטער,
די צווייטע לויפֿט משוגע צו דער ערשטער.
און מיט אַ מאָל — די שטאָט איז פֿול מיט פּליטים,
דער ברוק ליגט שוין פֿון עלנט אַ באַהערשטער.

מע טראָגט דאָס שטילסטע — ס׳ווײַסע פון די בעטן,
דאָס שרײַענדיקסטע — קינדער אין די טיכער.
די אויגן זוכן ווו אַ פּיצל שטח
פון פײַער פרײַ און פרײַ פון דער רציחה.

אַ ניין! דעם הימל האָט מען אָנגעצונדן,
אין ערגעץ איז נישטאָ שוין קיין אַנטרינען.
די פונקען לויפן קנױלנווייז און בלינדע,
און אַלץ וואָס טויג צום ברענען — זיי געפינען.

און דאָס געשריי, דאָס רעווען פון המונים,
וועט סײַ ווי קיינער, קיינער נישט דערהערן.
דער חורבן שטײַגט צו רוימען אויף מיט שטוינונג —
און אים בלויז אַלע הויכקייטן געהערן!

6

ווער זאָגט, אַז אונדז האָט שוין דאָס פײַער פאַרשטעלט,
אַז ברויט איז נישטאָ און אַז וואַסער פאַרפעלט?
געבויגענע אונטער דעם באָמבע-געקנאַל,
מיר קוקן ווי ס׳בלאַנדזשעט פון ראַדיאָ דער שטראַל.
אַ כוואַליע די אַנדערע שטערט און פאַריאָגט:
אַ סטאַציע ווו נאַכט איז, אַ סטאַציע ווו ס׳טאָגט.
זיי פירן איצט אַלע די הייליקע קריג
און אינטערפּרעטירן בעטהאָווענס מוזיק.

עס שפּילט איצטער לאָנדאָן און ס׳ווילט זיך פּאַריז,
זי ווײַזט אונדז דער טענצערינס נאַקעטע פיס.
נאָך שובערטן האָט זיך פאַרבענקט גאָר די שווייץ,
און אונטער דער אויפזיכט פון האַק-און-פון-קרייץ —
די אייביקייט ווערט דורך בעטהאָווען דערגרייכט!

די פלייט איז קאַפּריזנע און צערטלט זיך ווייך,
דאָס פידעלע־סאָלאָ גייט בלאַנדזשען אין וואַלד
אויף סטעזשקעלעך שמאָלע, הייבט אויף זיך און פאַלט. — — —

ווער זאָגט אַז מיר זענען צעשניטן, פאַרשטעלט,
אַז ברויט איז נישטאָ און אַז וואַסער פאַרפעלט?
הער אוים ווי עס פירט זיך די הייליקע קריג
אין אינטערפּרעטירן בעטהאָווענס מוזיק.
וואָס דרייסטו דעם ווײַזער, וואָס זוכסטו איצט דאָרט?
ווילסט הערן ווי ס׳זאָגט אָן אַן ענגלישער לאָרד,
אַז ס׳פליט אַן עסקאַדרע באַשיצן די שטאָט,
אַז ס׳שווימט אין דער ריכטונג פון דאַנציג דער פלאָט?

אומזיסט! דאָ איז וואַרשע, סטאַזשינסקי איצט רעדט.
ער דראָט און ער שעלט, און ער כּעסט זיך און בעט.
צעוואָרפענע ליגן די פליטעם „פער גינט" —
פאַר לעצטער אוידיציע גענוג איז דער ווינט.
ער ווערט טראַסמיטירט מיט אַ הייזעריק קול
פון פּראַגע, ווו ס׳ברענט איצט אַ קינדער־שפּיטאָל:
— דערבאַרעמט זיך, בירגער, ברענגט וואַסער און העלפט,
פון פײַער פאַרכאַפּט איז דאָס הויז און פאַרשטעלט! — — —

נאָר ווער וועט דען איצטער פון ראַדיאָ אַוועק?
פאַרגאַפּט איז דאָס אויג אויפן כוואַליע־געיעג.
און אפשר — דורך דאַנען וועט דונערדיק הער
קיין לאָנדאָן אַ שלאָג טאָן אַ פײַער־שראַפּנעל?
און אפשר וועט ווו דער בעטהאָווען־קאָנצערט
פון קינדער־געשרייען דאָך ווערן צעשטערט?
נאָר ניין, עס גייט אָן נאָך די הייליקע קריג
אין אינטערפּרעטירן בעטהאָווענס מוזיק.

7

ווער האָט אונדז געצוווּנגען, ווער האָט אונדז באַפוילן,
פאַרטיידיקן וואַרשע, די הויפּטשטאָט פון פוילן?
די הערשער, זיי זענען שוין לאַנג דאָך אַנטלאָפן,
טאָ ווער וועט באַפעלן און ווער וועט באַשטראָפן?
נאָר מיר, כאָטש מיר גייען אָן פרייד און אָן לידער,
מיר טראָגן, ווי וואָפן, די לאָמען, די רידלען.
די ווײַבער, וואָס שטייען נאָך ברויט אין די רייען,
זיי שאָקלען אויף אונדז מיט די קעפּ די געטרײַע.

ווער האָט אונדז באַפוילן און ווער וועט אונדז דאַנקען?
מיר גייען מיט רידלען אַנטקעגן די טאַנקען!
אָט ווערן די הענט אונדז מיט גבורה באַלאָדן.
מיט גראָבן זיך אײַן אין דעם שטייניקן באָדן,
מיר הייבן די רידלען דעם הימל אַנטקעגן,
צוריק פאַלט אין פּנים אַ זאַמדיקער רעגן. — — —
ס׳וואָלט גוט געווען איצטער די זון צו פאַרשיטן,
זי זאָל מער די בלאָקייט פון רוימען נישט היטן.

איך וויש זיך דעם שוויים פון פאַרלאָפענעם פּנים,
איך קוק זיך אַרום און איך וויל זיך דערמאָנען
די ערד, וואָס איז נעכטן נאָך רויִק געלעגן
אַ גאַנצע — אַנטקעגן דער זון און דעם רעגן,
און ס׳האָבן די שוואַלבן, די זשאַבעס, די פליגן
געזונגען אין איינעם אַ פרידלעכן ניגון. — — —

איך הייב אויף דעם קאָפּ און הער אײַן זיך אין זשומען.
מע וואַרפט שוין די רידלען — זיי קומען, זיי קומען!
דער הימל אויף צווייען, אויף דרײַען צעפאַלט זיך,
און האַסטיק באַפעלט ווער: „באַהאַלט זיך, באַהאַלט זיך!”

איך טוליע זיך אײַן אין די ליכטיקע גראָזן:
ווּ האָב איך דאָ ערגעץ מײַן יוגנט געלאָזן?
אָ ערד, זאָל מיך אָפּהיטן איצטער דײַן אָטעם,
פֿאַרשלינג מיך אין זיך אַזוי לײַכט ווי אַ שאָטן.
די לופֿט איז אַ שׂונא, דער הימל איז פֿײַער,
נאָר דו ביסט אַ שטומע און דיר בין איך טײַער!

געענדיקט דער אָנפֿלי, ס'איז נאָך דעם אַליאַרעם —
צו וואַרשע, צום צענטער לויפֿט איצט די געפֿאַר אָן,
און דאָ, קעגן מיר, פֿון דעם דאָרף דעם נישט ווײַטן,
געבליבן איז שטיין אַ פֿאַרוואָלקנטער שײַטער,
און ס'קרײַזן אַרום דאָרט די טויבן אין סטײַעס,
ווי ס'וואָלט זיי צום פֿליִען געפֿאָכעט דאָס פֿײַער.

8

און פּלוצלונג — דער רוים ווערט צערודערט, פֿאַרטויבט,
און ס'ליגט דער שאָסיי אין אַ וואָלקן פֿון שטויב.

אין נעפּל, געבויגן, ווי אונטער אַ ווינט —
איך זע ווי אַ מחנה אַנטלויפֿט און פֿאַרשווינדט.

דער פֿראָנט איז געבראָכן, און ס'לויפֿט די אַרמיי,
פֿאַרפּלאָנטערט אין אייגענעם ווילדן געשריי.

פֿון הינטן איז אַלץ שוין פֿאַרמעקט און פֿאַרגרויט —
דאָרט יאָגט אויף אַ וואָלקן דער שׂונא, דער טויט.

נאָר ווער ווועט העלפֿן דער שנעלסטער גאַלאָפּ?
דער וועג איז מיט מענטשן און פֿורן פֿאַרשטאָפּט.

אַ ראָד ברעכט זיך אויס און לויפט אָפּ אין דער קרום.
דער טרײַבער טרײַבט ווײַטער און קוקט זיך נישט אום.

אַ זעלנער לאָזט איבער זײַן ביקס אויף דער ערד
און זאָטלט זיך אויף אַ פאַרלוירענעם פערד.

און אָט איז שוין וואַרשע, און אָט איז די בריק —
נאָר אַלץ שטעלט זיך אָפּ מיט אַ זעץ אויף צוריק.

אַ רגע — די פּאַניק בלײַבט שטיין ווי פאַרווירט:
די בריק איז צום אויפרײַס געגרייט און מינירט!

9

אַ גאַנצן טאָג האָב איך געזוכט
דעם וועג וואָס פירט אַרויס פון פּלאָנטער,
אַרויס אויך פון דעם שטאָט-געָרודער
וואָס האָט איצט בלויז אין טויט דערמאָנט מיר.

בײַ נאַכט, ווען ס'ליגט די שטאָט אָן ליכט,
ברענט שאַרף און בולט יעדער שטערן.
זיי ווערן שווערער אין געוויכט
און לײַכטן פריש ווי ערשטע טרערן.

די שטאָט בײַ נאַכט. ס'איז שוואַרץ און שטיל,
און אַלע הײַזער — אין איין שאָטן.
איך זע נישט קיינעם, נאָר איך פיל
פון אַ מיליאָן דעם הייסן אָטעם.

10

פון זעקס אין דער פרי ביז אין שפעטן פאַרנאַכט
אַן אָפּשטעל, אָן אויפהער, די לופט האָט געקראַכט.

די פליִערס — אין טשאַטעס פונאַנדערגעטיילט —
זיי האָבן די הײַזער געגנוי שוין געציילט.

עס שווײַגט די זעניט-אַרטילעריע, ס׳איז שטיל,
און וואַרשע ליגט הפקר און פרײַ פאַרן ציל.

די באָמבעס וואָס פאַלן פאַרשיט מען מיט זאַמד,
נאָר ס׳ווערן די ראָגן פאַרוויקלט אין פלאַם.

מע ברענט אויס די גאַסן אַ ריי נאָך אַ ריי,
מע שטיקט אויס די הויפן מיט רויך און געשריי.

פון טויער צו טויער, מיט פעק אין די הענט,
אַנטלויפן המונים, נאָר אומעטום ברענט.

בײַ יעטווען אָנפאַל מע קאָרטשעט זיך אײַן —
מע וויל אויף אַ רגע בלויז אויפהערן זײַן.

מע וויל אויף אַ ווײַל כאָטש נישט ווערן געהערט,
נאָר בלײַבן, און שווײַגן, אַזוי ווי די ערד.

דער טאָג איז אַ פרעמדער, אַ שונא — די שײַן,
דער מויער איז מער נישט קיין שוץ און קיין פרײַנד.

צו טונקלקייט האָפט יעדער איינער און רופט:
ס׳וועט אפשר די נאַכט זײַן אַ שוץ פאַרן גוף. —

פון זעקס אין דער פרי ביז אין שפּעטן פאַרנאַכט
אָן אָפּשטעל, אָן אויפהער, די לופט האָט געקראַכט.

11

שוועסטער מײַנע!

װען ס׳האָט אונדז דער מויער פאַרשאָטן,
ביסט דו אין געשרייען פאַרשוװנדן.
נאָר װען ס׳איז דער שטויב אָפּגעטראָטן —
געװען איז דײַן פּנים אין װוּנדן.

דער הימל גענומען האָט ברענען,
די זון האָט אין רויכן געגלוטיקט,
און שווער איז געװען דיך דערקענען
װען ס׳האָבן די אויגן געבלוטיקט.

דער פליִער איז אַלץ נישט פאַרפלויגן,
געזוכט נאָך אַן אָרט, װוּ אַ פּאַל טאָן.
מיט רעשט פון דײַן בלוט, און געבויגן —
מיר לויפן זיך װידער באַהאַלטן.

איך פיר דיך אַװעק אין אַ װינקל
און װיקל דײַן פּנים אין טיכער —
דער שטראָם פון דײַן בלוט איז אַ פלינקער
און לויפט אָן אַלץ קװעליקער, גיכער.

נאָר מער נאָך פון אַלעם דערשרעקט מיך,
װאָס דו פילסט כּמעט נישט קיין פּחד.
באַלד װעסטו, אַ בלוטיק־פאַרפלעקטע,
אַנטקעגן דעם טויט זיך צעלאַכן.

12

טיר־און־טויער צוגעמאַכט,
אַלע פענצטער גלאָצן בלינד —
פון די טרעפּ, אין מיטן נאַכט,
גייט אַ טאַטע מיט זײַן קינד.

אין דעם פּאַלטן אײַנגעדעקט,
נישט דערחלומט ביזן סוף —
טראָגט דער טאַטע מיט די שרעק,
טראָגט זײַן קינד אין מיטן שלאָף.

מאַכט זיך אויף אַ קעלער־טיר —
גוף אויף גוף צונויפגעשפּאַרט.
קיינער גיט זיך נישט קיין ריר,
ווי מע וואָלט אויף זיי געוואַרט.

אין איין שאָטן אײַנגעהילט,
האַנט צו האַנט און קאָפּ צו קאָפּ,
זיצט מען און מע אָטעמט שטיל
און מע וואַרט אויף עפּעס אָפּ.

פלוצלינג — ווי עס וואָלט אַ ווינט
אָפּגעריסן ווו אַ דאַך
און מיט אימפּעט אים געשווינד
צו דער ערד אַראָפּגעקראַכט, —

גיבן שאָטנס זיך אַ שטעל,
און דער קעלער ווערט צו־קליין,
אָרט — צו־ווייניק, לופט פאַרפעלט
פאַר אַ קינדעריש געוויין:

— טאַטע, טאַטע, זאָג מיר וווּ,
וווּ די מאַמע איז אַוועק.
— קינד מײַנס, קינד מײַנס, לאָז צו רו, —
אין אַ ווײַטן, ווײַטן וועג.

דאָרט וווּ ס׳ענדיקט זיך די וועלט,
דאָרט וווּ ס׳ברענט דער הימל רויט,
האָט דײַן מאַמע זיך געשטעלט
אין אַ לאַנגער ריי נאָך ברויט.

— טאַטע, טאַטע, הער, מע פּאָרט,
הער, מע לויפט, הער, מע שרײַט.
— קינד מײַנס, ליג אײַן אויף אָן אָרט,
זיכער לויפט מען ערגעץ ווײַט...

נאָר דאָס וואָרט בלײַבט שטיין אין קעל,
און דער דיל שפּרינגט האַסטיק אָפּ.
פון די ווענט פאַלט דראָבנע שנעל
שטיקלעכווײַז דער טינק אַראָפּ.

— טאַטע, טאַטע, כ׳וויל נישט, ניין!
טאַטע, טאַטע, כ׳וויל נישט מער!
צו דער מאַמען לאָמיר גיין
און זי ברענגען דאָ אַהער!

— אוי, דו שלעכטער, אוי, דו קינד,
ווער קען איצט אין גאַס אַרויס?
הערסט דען נישט, אַז אויך דער ווינט
זוכט דערשראָקן זיך אַ הויז? — — —

מיט אַ מאָל ווערט אַלץ פאַרטויבט,
שאָטנס מישן זיך צונויף.
פינצטער. שטיקנדיקער שטויב.
עמעצנס אַ שטים: „אַנטלויף"! — — — —

און די מאַמע מיט אַ ברויט
קומען וועט אַהיים צוריק
און דערזען ווי ס'האָט דער טויט
מאַן און קינד צונויפגעדריקט.

13

אַז טויזנטער ליגן געקוילעט,
טאָ ווער וועט זיי ברענגען צו קבורה?
ווו נעמט מען פאַר זיי אַ בית-עולם,
צום פירן ווו נעמט מען זיי פורן?

עס שפּרינגען די פייגעלעך קליינע,
באַגלייט פון אַ בלייַענעם האָגל.
דאָרט ווערן די טויטע געביינען
מיט טויטן מיט נייַע געשלאָגן.

באַדעקטע מיט גרויע כאַלאַטן —
זיי ווערן געשטופּט פון באַגלייטער,
וואָס אײַלן זיך שנעל זיי באַשטאַטן,
נאָך איידער דער טויט קומט אַ צווייט מאָל.

דער הימל דער גוטער, צעבלויטער,
וועט זיכער דערקענען נישט האָבן,
מע זאָל אויף דערווייַלע די טויטע
אין שטאָטישע גערטלעך באַגראָבן.

ווען האָבן די וואַרשעווער ביימער
פון זאַכן אַזעלכע געחלומט?
און ווען האָט אַ פרילינג אין טרוימען
אַ צוקונפט אַזאַ זיי געמאָלן?

נײַגעריק קוקן די צווײַגן:
מע גרייט צווישן שטאַמען די קברים.
זיי וואַרטן אָפּ רויִק און שווײַגן:
מע דעקט אויף די וואָרצלען די קלאָרע.

באַלד וועלן זיי דאָרטן דערפילן
די נײַע אומהיימלעכע שכנים:
באַלד וועט מען מיט לאַפּעטעס קילע
פאַרשיטן די מענטשלעכע ביינער.

14
אַ טאָג איז צום אָפּגרונט אַראָפּ
און ס'אָטעמט די נאַכט מיט דערוואַרטונג.
טאָ ווען קומען זשע וואַרט זי איצט אָפּ
מיט פענצטער און טירן פאַרשפאַרטע?

דער גרילץ פון אַ שליסל אין שלאָס
ווערט שנעל אינעם חושך פאַרזונקען,
און ערגעץ-וווּ גיט נאָך אַ שאָס
די שׂרפה אין קנוילן פון פונקען.

אויף שויבן גייט אויף דאָס געוויג
פון שאָטן און חלבנעם ליכטל.
דאָס פּרוּווט דאָרטן איינער זײַן גליק —
זײַן היים די צעשטערטע פאַרריכטן.

אין חלל רײַסט אָפּ זיך אַ שטים
און ווערט ווי פֿאַרלוירן אין פֿרעגן.
נאָר ס'איז נישט די שטילקייט געשטימט
צו ענטפֿערן באַלד אויף דער רגע.

זי וואַרט אָפּ אַ טונקעלע ווײַל
און ווערט, ווי אין לויער, פֿאַרזונקען,
ביז וואַנען עס גייט אויף אַ זײַל,
אַ פֿרישער, אין קנוילן פֿון פֿונקען.

15

ווי גוט איז די שטילקייט, די ליבע,
די זיכערע רו פֿאַרן לעבן!
נאָר מיר זענען איבערגעבליבן
דעם שׂונא זיך אונטערצוגעבן.

דערווײַל איז די שטאָט נאָך אַ פֿרײַע
און וויל נישט קיין מאַכט אָנערקענען.
אין גאַנצן געהער זי דעם פֿײַער
און וויל ביזן סוף נאָך דערברענען.

איצט קען מען די טויטע באַקלאָגן
און שלוכצן מיט אמתע טרערן.
דעם אומגליק וועט קיינער נישט יאָגן,
און וויינען וועט קיינער נישט שטערן.

די נאָענטע דאַרף מען באַווייגען,
פֿאַרוויקלען אין שוואַרצע געוואַנטן,
פֿאַרדעקן מיט ערד און מיט שטיינער —
אויף אייביק, אויף אייביק באַהאַלטן.

16

דורך טריומף־טויערן פון רויטן פײַער
עם קומען אָן סאָלדאַטן מיט מוזיק
און אויף די חורבות ווערט דורך זיי געפײַערט
דער שנעל־דערגרייכטער גלאַנצנדיקער זיג.

ווי רויכיקע און ווינטיקע פאַקעלן
זיי טראָגן שטיקער פון האַרסט ווערעל־ליד.
פון דעם געזאַנג, פון זייערע באַפעלן
דאָס אויער ווערט פאַרטויבט און אָפּגעבריט.

זיי פאָרן דורך אויף אַלע מאָרד־מכשירים
און שיטן אוים מיט קלינגערײַ די שרעק.
דער פחד קלאַפּט אין די פאַרמאַכטע טירן
און אויף די שויבן לייגט ער זיך אַוועק.

און באַלד גייט אויף, מיט פרעמדקייט און געדרודער,
אַ שאַרפע און אַן אָפּגעהאַקטע שפּראַך,
ווו יעדע פראַזע הייבט זיך אָן מיט „יודע"
און ענדיקט מיט אַ חוזקדיקן לאַך.

דאָס איז די שפּראַך פון אומקום און פון שווידער —
אין יעדן רוף פאַרשטעקט אַ מעסער זיצט.
די לופט אין שטיקער גוואַלדיקט זי און הוידעט:
„אַ וועג דאָס יודען־בלוט פון מעסער שפּריצט!"

17

די ערד איז פאַרטויבט און עס רוישן האַרמאַטן אויף ווײַטע שאָסייען,
און טשאַטעס וואָראָנעס — זיי קרײַזן אַרום אין די קנוילן
פון רויך און געשרייען.

ערשט נעכטן בין איך פון מײַן היימשטאָט אַרויס,
גענומען אַ העמד און אַ ברויט אויפן וועג.
עס האָט דאָרט נאָך ערגעץ געטליִעט אַ הויז
צום זכר פון בלוטיק־פאַרגאַנגענע טעג.
געיאָגט האָט אין פנים אַ שטויביקע היץ,
דער ברוק איז געלעגן צעמישט מיט דער ערד.
געלאַכט האָט דער טויט אין דעם ציינער־געקריץ
פון איבערגעלאָזטע צעשאָסענע פערד.
אין מיטן דער גאַס, מיטן קאָפ אויף אַ שינע,
מיט צײַטונג־פאַפיר פאַרהילט און פאַרדעקט,
אַ מענטש איז געשלאָפן זײַן מיתה־משונה
פון קיינעם געשטערט און פון קיינעם געוועקט.

די ערד איז פאַרטויבט און עס רוישן האַרמאַטן אויף ווײַטע שאָסייען
און טשאַטעס וואָראָנעס — זיי קרײַזן אַרום אין די קנוילן
פון רויך און געשרייען.

ערשטע נעכטן האָב איך אין מײַן היימשטאָט געלאָזט
מײַן יוגנט פאַרשאָטן פון ציגל און שטיין,
דעם טאַטנס מצבה וואָס טרינקט זיך אין גראָז,
די מאַמע וואָס טרינקט זיך אין שטילן געוויין.
זי האָט זיך צום וועג פון איר זון נישט פאַרגרייט
מיט תפילה אויף ליפן צום הימל געווענדט.
זי האָט אים אַפילו קיין טראָט נישט באַגלייט,
נאָר זיצן געבליבן — פאַרבראָכן די הענט.

די ערד איז פֿאַרטויבט און עס רוישן האַרמאַטן אויף ווײַטע שאָסייען,
און טשאַטעס וואָראָנעס — זיי קרײַזן אַרום אין די קנוילן פֿון רויך
און געשרייען.

איך קען דאָך די גאַסן פֿון לאַנג שוין, פֿון לאַנג,
ס'געדענקט נאָך די שטאָט מײַנע קינדערשע טריט,
נאָר איצט איז אַ פֿרעמד כוליגאַניש געזאַנג
מיט דײַטשישע שטיוול אַרײַן אין געמיט.
עס ליגן די ראָגן פֿאַרשאָטן, פֿאַרמעקט,
אַ ברודיקער באַנד איז דער האַרבסטיקער רוים.
די שטאָט לעשט זיך אויס ווי אַ ווונדיקער פֿלעק,
פֿאַרציט זיך מיט רויך ווי מיט אײַטער און שוים. — — —
און איך כאַפּ זיך אָן איצט אין עק פֿון שאָסיי,
אַזוי ווי אין עק פֿון אַ שווימענדיק ברעט.
דאָס איז נאָך דער איינציקער וועג וואָס איז פֿרײַ,
און פֿירן וועט ער צו סאָוויעטישע שטעט.

די ערד איז פֿאַרטויבט און עס רוישן האַרמאַטן אויף ווײַטע שאָסייען,
און טשאַטעס וואָראָנעס — זיי קרײַזן אַרום אין די קנוילן
פֿון רויך און געשרייען.

ביאַליסטאָק, 1940

דיין ביאָגראַפיע
(דינה)

דײַן ביאָגראַפיע
(דינה)

א

ווי ווײַט, מײַן גאָט, ווי ווײַט!
אַלמאַ-אַטאַ
איז אַ שטאָט אַזאַ,
וווּ פרילינג
קומט נישט צו דער צײַט.
ווי ווײַט, ווי ווײַט!
די צײַט:
נאָך מאָסקווע
און פאַר סטאַלינגראַד —
חודש שבט.
נאָר דאָ,
וווּ זון איז אום ווינטער שטאַרק,
דײַן ערשטע שעה
פאַלט שנעל פונעם באַרג.

ב

אַזאַ איז די היים,
אַזאַ איז די ערד
פון בלאָטע און ליים —
דײַן מאַמע אים גייט
אין גאַנצן אַליין,
זי וועט אים דערגיין
מיט דיר זאַלבעצווייט.
די ערד איז קיין ערד,
דער שניי — נישט קיין שניי.
דײַן מאַמע זינקט.
זי קען מער נישט גיין.
די שטילקייט קלינגט.

אַ רוסישע פרוי הייבט אויף זי פון דר׳ערד
און פירט זי צו זיך,
און לייגט זי אין בעט,
און כליפּעט און גלעט,
און האַקט דאָס האַלץ,
און פייַער ווי גאָלד
לויפט איבער די ווענט.
דאָס וואַסער זידט,
דאָס וואַסער זידט,
אַ רוסישע פרוי
פאַר כריסטאָס קניט,
נאָר נישט פאַר זיך
זי וויינט איצט און בעט —
דייַן מאַמעס שיך
זי זעט ביי דעם בעט...
ס׳קנאַקט דאָס האַלץ,
און פייַער ווי גאָלד
לויפט איבער די ווענט.
דאָס וואַסער זידט,
דאָס וואַסער זידט,
אַ רוסישע פרוי
פאַר כריסטאָס קניט,
אַ רוסישע פרוי
נעמט אָפּ אַ ייִד. — — — —

ג.

און איך האָב באַשטימט, אַז דייַן נאָמען זאָל זייַן :
דינה.
מייַן בעסטע ירושה בלויז בלייַבן זאָל דייַן,
דינה.

נישט זײַד זאָל דיר פּאַסן, נאָר פּשוטער לײַן,
דינה.
זאָלסט גײן דורך דעם לעבן אין ליכט פון מײַן פּײַן,
דינה.

מיט דיר זאָל דער רוגז אַוועק פון מײַן לײַב,
דינה.
מקיים זײַן זאָלסטו דאָס אַלץ וואָס כ׳פאַרשרײַב,
דינה.
דעם דײַטש זאָלסט, חלילה, נישט ווערן קײן ווײַב,
דינה.
דעם זכר נאָך אים, ווי די אַנגסט מײַנע טרײַב,
דינה.

און פרײַ זאָלסטו זײַן פון דײַן שוואַכקײט פון מין,
דינה.
נישט מידת הרחמים, נאָר מידת הדין,
דינה.
אַ שווערע ירושה איך טרוי דיר, פאַרגין,
דינה:
מאָן אײַן די נקמה וואָס שולדיק איך בין,
דינה!

ד
וויין, טאָכטערל, וויין.

אין אָנהייב פון פרילינג געבוירן
ביסטו, נאָר דער בעז האָט פאַרבליט,
און איך, בײַ דײַן וויגל פאַרלוירן,
געפין אַלץ פאַר דיר נישט קיין ליד.

נישטאָ אין מײַן האַרץ איצט דער ניגון,
וואָס טויג פֿאַר דײַן רו, פֿאַר דײַן שלאָף.
ווי זאָל איך דיך קענען פֿאַרוויגן
מיט ווערטער פֿון שׂינאה און שטראָף?

אין פּוילן דײַן זיידנס מצבה
ליגט ערגעץ פֿאַרוואַלגערט, געשענדט.
דײַן פֿאָלק איז שוין גרוים ווי אַ שבט
און ווערט אין טרעבלינקע פֿאַרברענט.

און דו ווייַנסט אַצינד אין דײַן וויגל
ביים ברעג פֿון אַ חרובער וועלט,
און ס׳ווערן פֿון פֿלאַמיקע פֿליגל
דײַן בליק און דײַן אָטעם פֿאַרשטעלט.

ווען איך דײַן געשריי נישט פֿאַרשטערן —
דײַן בלוט איז קיין בלוט נישט, נאָר פֿלאַם.
אין אייגעלעך דײַנע — נישט טרערן,
נאָר שפּריצן פֿון שׂינאה און סם.

ה

דײַן קליינינקע באַבע ווערט קלענער
און בייגט זיך אַלץ מער צו דער ערד.
זי הערט שוין אויף מענטשן דערקענען
און דרייט איבער אַלץ וואָס זי הערט.

זי קען שוין נישט האַלטן קיין סודות
און רעדט אָפֿט ווען זי בלײַבט אַליין.
קומסט אָן אומגעריכט — הערסט, זי פּלוידערט,
נאָר וואָס — איז דיר שווער צו פֿאַרשטיין.

דײַן באָבע, די אַלטע, די קלײנע
שפּאַצירט איצט פֿון הויז צו הויז.
און אַלצדינג דערצײלט זי די שכנים,
און אַלצדינג זי זאָגט זײ איצט אויס.

די שכנים — זײ קוקן זיך איבער
און טאַקעווען צו, װי עס פּאַסט,
דערנאָך גײען זײ אין די שטיבער —
דײַן באָבע בלײַבט איבער אין גאַס.

ד

געבויגן אין דרײַען, געהאָרבעט —
זי שיקעװעט זיך אײנעם װעג:
זי טוט אויפֿן האַלדז אָן די טאָרבע
און לײגט דאָרט אַרײַן איר פֿאַרמעג.

װי אַלע מאָל װעט זי זיך זוימען
אין רוישיקן בונטן באַזאַר,
װי אַלע מאָל — קומען נשתּומם,
אַזוי װי אַרויס פֿון געפֿאַר.

פֿאַר נאַכט, װען די פֿאַרביקע שקיעה
פֿאַרכּישופֿט דעם שנײיִקן באַרג,
מיט לאַסטן און געבויגענע קניִען
דײַן באָבע װעט קומען פֿון מאַרק.

דערנאָך װעט זי בלאָזן אין פֿײַער
און קאָכן אַ מאכל אַזאַ. —
מײַן קינד, דאָס איז אונדזער צושטײַער:
מלחמה אין אַלמאַ־אַטאַ.

ז

אוי ווײ, האָט געוואָיעט דער ווינט,
אוי ווײ, האָט געוויוגעט דער שניי.
אין שטיבל געוויינט האָט דאָס קינד
בײַ ליידיקע פלעשעלעך צוויי.

די באָבע איז אַלט שוין און שוואַך,
די באָבע — קוים-קוים וואָס זי גייט,
נאָר קליין איז דאָס קינד און די שפּראַך
פון הונגער און דאָרשט נאָר פאַרשטייט.

אוי ווײ, האָט געוואָיעט דער ווינט,
אוי ווײ, האָט געוויוגעט דער שניי.
די באָבעשי לויפט שוין געשווינד
מיט ליידיקע פלעשעלעך צוויי.

די ערד איז איצט ווונדערלעך גלײַך,
דער שניי האָט די וועגן פאַרמעקט.
די באָבעשי שווימט אין אַ טײַך
מיט פּיס אין צוויי שקראַבעס פאַרשטעקט.

די ווײַטקייט ווערט נאָענט און בלענדט,
און רויִק — דאָס אַלטע געמיט:
איר שטוב האָט דער דײַטש נישט פאַרברענט,
די ערד אונטער איר נישט צעגליט.

זי גייט אין דער בלוילעכער שײַן,
אַזוי ווי אין שטעטל אַ מאָל,
זי גייט דורך דעם ווינטער אַרײַן
אין פּאַלאַץ פון שניי און קרישטאָל.

די באָבעשי גיט זיך אַ דריי
און מאַכט אויף צוריקוועגס אַ שפּרײַז.
דער באָדן זינקט אײַן, און דער שניי
פּאַרפּירט איר צום טאַנץ אין אַ קרײַז.

זי פֿאַלט אין פֿאַרשאָטענעם גרוב —
אַ ווייכקייט נעמט אײַן זי, פֿאַרנעמט.
אָט דאָס איז דאָך טאַקע איר שטוב —
איר שטוב האָט דער דײַטש נישט פֿאַרברענט.

— — — — — — — — — — — — — —

אוי ווײ, האָט געוואָיעט דער ווינט,
אוי ווײ, האָט געוויוגעט דער שניי,
געאײַלט און פֿאַרשאָטן געשווינד
די ליידיקע פֿלעשעלעך צוויי.

ח

דײַן באָבעס צוקאָפּנס איז איצטער אַ ציגל,
און דו ליגסט דערנעבן אין שטרויענעם וויגל.

דײַן באָבע אויף דר׳ערד ליגט שוין דרײַ טעג אַ טויטע,
און דו — אינעם וויגל — מיט הענטעלעך רויטע.

דײַן באָבע איז שטײַף שוין, אין שטוב איז אַ קרירה,
און דו פּלאַפּלסט ווײַטער דײַן קינדערשע שירה.

זיי קומען און הייסן זיך מאַכן אַ וואַרע
און פֿירן אַדורך בײַ דײַן באָבען די טהרה.

דײַן באָבע די פֿרומע — זי קען זיך נישט ווערן,
אַ רוסישע פֿרוי צלמט איבער איר שטערן.

דײַן באָבע די פֿרומע — זײ זענען זיך טועה,
זײ בעטן איר אױס אין אַ טרומנע מיט שטרויען.

דײַן באָבע די פֿרומע — פֿאַרגאַנגענע יאָרן —
פֿאַרקלאַפּט מען מיט טשװעקעס אין הילצערנעם אָרון.

ט
ואני —
און איך האָב
דײַן מאַמעס געזונט נישט פֿאַרהיטן.

מיר האָבן פֿון פּױלן געװאַנדערט
צוזאַמען, דעם אומקום געמיטן.
מיר האָבן געהאָלפֿן אײנאַנדער
די גרענעץ אַריבערצושפּאַנען
און אומגײן די דײַטשישע װעכטער,
װאָס זענען אױף װאַרטע געשטאַנען
מיט בלוטיקן ליד און געלעכטער.

צו פֿרי איז דער שנײ אױסגעפֿאַלן
אין האַרבסט פֿונעם יאָר נײַן און דרײַסיק.
אין פּױלישע כאַטעס און שטאַלן
געראַיעט האָט ס׳אומפּליײט פֿון פּרײַסן.
זײ האָבן פֿאַרשטאָפּט אַלע װעגן
מיט פֿרעמדע און שרעקלעכע קלאַנגען.
דײַן מאַמע און איך — זײ אַנטקעגן —
מיר זענען אױף מזרח געגאַנגען.

בײַ טאָג האָט דער שניי זיך געטײַעט
און ווידער אַנטפּלעקט נאָך די ווזשאָסן.
נאָך אונדז האָט געדרוישט די לוויה
פון וועלדער מיט ווינטן פאַרגאָסן. — — —
אַ דײַטש שפּרינגט אַרויס פון זײַן בודע,
אין האַנט — אַ רעוואָלווער, ער פּאַכעט,
פון פּיסק קנאַלט אַ סעריע מיט „יודע” —
די דײַטשישע שפּראַך פון נצחון.

מיר גייען די גרענעץ אַריבער.
פאַרבײַ אונדז עס טראָגט זיך אַ רײַטער
אינצווישן די דאָרפישע שטיבער.
ער גריסט אונדז און רײַט אַוועק ווײַטער.

ואני —
און איך האָב
דײַן מאַמעס געזונט נישט פאַרהיטן.

י

דײַן קינדהייט פאַרשרײַב איך, איך צייל דײַנע יאָרן:
פון דאַנען זאָל אָנהייבן גיין דײַן זכרון.

זאָלסט וויסן ווער ס'האָט דיך צעשיידט מיט דײַן מאַמען,
כּדי מיט יתומים זיך כאָוועז צוזאַמען.

דײַן מאַמע איז יונג, נאָר איר קאָפּ נעמט שוין גרויען,
און דיך כאָוועז אַנדערע, רוסישע פרויען.

געדענק ווער ס'איז שולדיק און היט אָפּ דעם צאָרן —
פֿון דאַנען זאָל אָנהייבן גיין דײַן זכּרון.

פֿון עשׂיו'ן נעם איך אַ טייל פֿון זײַן ברכה:
דײַן האָרץ זאָל פֿון מיטלײַד נישט ווערן געבראָכן.

דײַן האַנט פֿאַר געווער, פֿאַר נקמה — דײַן סטיכיע,
על חרבך תּחיה, על חרבך תּחיה!

אַלמאַ־אַטאַ, 1943

אינהאַלט

אין איין אָטעם

7 ✶ (כ׳הייב אָן פֿאַרשטיין)
8 אַליין מיט די גראָע האָר
10 אין איין אָטעם
11 ✶ (מיין שורה ווערט ווידער)
12 דער איינציקער פּערז
13 ווינטערדיקע סופֿן
14 ✶ (ווען כ׳טו זיך אויס)

דער גײַסט פֿונעם שטורעם

17 אַז גאָט וועט געבן מיר פֿליגל
18 לאָז מיך איבער אַליין
19 אַראָפּ איז לייכטער
20 אַמאָליקע לידער
22 דער פֿרילינג נעמט אָן די קאָלירן
23 ✶ (ווי דער הונט מיטן ביין)

חלום אין חלום

27 ווערטער, ווערטער
28 ✶ (דעם עיקר האָב איך פֿאַרשריבן)
29 חלום אין חלום
30 אַ פֿרילינג־רעגן אין פּאַריז
31 די וואַסער־פֿייגל קומען אין לאַנד
32 רעגן־טראָפּנס אויף די שויבן
33 ✶ (מיין פֿרייד)
34 מיין יורש אין פֿרעמדן יאָרטויזנט
35 ✶ (די גוטע חברים)
36 ✶ (דעם משל בלויז האָב איך דערציילט)

37 ✶ (אויב עמעצער)
38 די רימענס פון מישפט
39 ✶ (אין יענער רגע)
40 אַ וועלט מיט דערזעענע זאַכן
41 צווישן יונגע
42 מיין ווײַליקייט

די בלעטער וועלקן נישט

45 ✶ (אין יעדן לאַנד)
46 פאַר נאַכט
47 ✶ (צי איז געבליבן צײַט גענוג)
48 נאַקעטע טאַפּאַלן
49 ✶ (פאַרגאַנגענהייט !)
50 ✶ (די לידער האָבן אַן אײַזערנעם זכרון)
51 די בלעטער וועלקן נישט
52 ✶ (די פרײַנד פאַרלאָזן מיך)
53 אין לעצטן גילגול
54 איך מעג שוין אַלץ
55 ✶ (פּאַפּיר און טינט)
56 ערב געשלעג
57 אַלץ וועט פאַרבלײַבן
58 די שנעלרעדערס
59 דאָס בלאָע העמדל
61 דער ריח פון די שטויבן
62 ערב און אייביק

צוויי פּאָעמעס

65 וואַרשע 1939
87 דײַן ביאָגראַפיע (דינה)